**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון NY GREEN BANK'ס 250 מיליאן דאלארדיגע קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע

***ביליגע הלוואות צוגעשטעלט פאר קאמיוניטי-באזירטע הלוואה קערפערשאפטן וועלן שטיצן פראיעקטן וועלכע רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס אין שוואכערע קאמיוניטיס***

***פארשנעלערט יושר'דיגע פארשריט אין ריכטונג פון לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

***שטיצט קלימאט געזעץ ציהלן צו זיכער מאכן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו שוואכערע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז NY Green Bank (גרינע באנק) – א דיוויזיע פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) און די סטעיט'ס ריינע ענערגיע און ענווייראמענט-פריינטליכע אינפראסטרוקטור פינאנצירונג קערפערשאפט – האט געעפנט א 250 מיליאן דאלארדיגע קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע (Community Decarbonization Fund). די CDF – א קאסע וואס שטעלט צו 'האָולסעיל' הלוואות וואס וועט צושטעלן ביליגע הלוואות פאר קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנציעלע אינסטיטוציעס (Community Development Financial Institution, CDFI) און פאר אנדערע הלוואה קערפערשאפטן וועלכע זענען איבערגעגעבן צו א ספעציעלע מיסיע צו קענען צושטעלן הלוואות פאר לאקאלע ריינע-ענערגיע און געביידע עלעקטריפיקאציע פראיעקטן און אנדערע ענליכע ארבעט – וועט שטיצן הלוואה קערפערשאפטן וועלכע פינאנצירן פראיעקטן וועלכע רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס אין שוואכערע קאמיוניטיס (disadvantaged community, DAC). די היינטיגע אנאנס שטיצט ניו יארק'ס יושר'דיגע פארשריט אין די ריכטונג פון די 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act) ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און צו זיכער מאכן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו שוואכערע קאמיוניטיס.

"אזוי ווי מיר זענען פאר צו אויפבויען א יושר'דיגע, ריינע-ענערגיע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער, שיקט די NY Green Bank א קלארע סיגנאל אז אונזער סטעיט איז א פירער אין גרינע אינפראסטרוקטור און אין עקאנאמישע אנטוויקלונג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארגרעסערן די מעגליכקייטן פון אונזערע קאמיוניטי-באזירטע הלוואה געבער צו קענען שטיצן ריינע-ענערגיע פראיעקטן אין שוואכערע קאמיוניטיס אריבער אונזער סטעיט וועט פארגרינגערן צוטריט צו ריינע ענערגיע און צו געזונטערע, אפּאָרדעבעל האוזינג אין די צייט וואס מיר ארבעטן צו פארזיכערן א גרינערע ניו יארק פאר יעדן."

**פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "שטיצע פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע זענען באקאנט מיט די לאקאלע באדערפענישן פון איינוואוינער איז קריטיש אין די געציהלטע באמיאונג צו ברענגען די בענעפיטן פון די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויך צו שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. די קאמענטארן וואס מיר האבן ערהאלטן פון די פארמישטע פארטייען זענען געווען גאר בייהילפיג, און זיי דינען אלץ די יסוד פאר די נייע קאסע וואס וועט ערלויבן מער פראיעקטן – ו.צ.ב. די וועלכע שטופן פאר ענערגיע-שפארזאמע געביידעס – צו באקומען שטיצע."

**פרעזידענט פון NY Green Bank, ענדרו קעסלער, האט געזאגט,** "NY Green Bank'ס קאנצענטראציע צו אנפילן די לעכער אין די מארקעט רעכנט אריין אונזער איבערגעגעבנקייט צו ארבעטן צוזאמען מיט פארמישטע פארטייען צו פארזיכערן אז פראדוקטן זענען פאסיג פאר זייערע באדערפענישן. מיר זענען באמת דאנקבאר פאר די קאמענטארן וועלכע זענען ערהאלטן געווארן וועלכע זענען געווען קריטיש ביים אויפשטעלן די קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע, און מיר זענען באגייסטערט צו ארבעטן מיט קאמיוניטי-באזירטע הלוואה קערפערשאפטן צו אריינברענגען גרינע סטאנדארטן אין די ערפאלגרייכע הלוואות וואס זיי גיבן ארויס."

**NY Green Bank מענעדזשינג דירעקטאר, דעיווויד דעיווענפארט, האט געזאגט,** "NY Green Bank'ס קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון א ברייטערע אונטערנעמונג צו פארברייטערן און כסדר פארבעסערן די סערוויסעס וואס מיר אפפערן בשעת'ן אריינברענגען אינוועסטירונג געלטער אויף א מער ווירקזאמע וועג אין ניו יארק'ס היסטאריש-פארקוקטע קאמיוניטיס. די איניציאטיוו שפיגלט אפ אונזער איבערגעגעבנקייט צו אן אריינעמיגע צוגאנג מיטן אריינמישן א ברייטע רייע פון פארשידענע פארמישטע פארטייען, און מיר קוקן ארויס צו ערמעגליכן קאמיוניטי-באזירטע הלוואה קערפערשאפטן צו פארברייטערן זייערע סערוויסעס צו דירעקט שטיצן פראיעקטן אין זייערע קאמיוניטיס."

**Carsey School of Public Policy Center for Impact Finance פינאנץ פארשונג פעלאָו, הענע ווארגאסאן, האט געזאגט,** "די Center for Impact Finance האט פיל ערפארונג ביים ארבעטן מיט CDFI'ס און אנדערע הלוואה קערפערשאפטן וועלכע גיבן פינאנציעלע לייזונגען פאר מענטשן, פראיעקט דעוועלאפערס און פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן אין היסטאריש-באזייטיגטע קאמיוניטיס. NY 'ס קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע ברענגט א באגייסטערנדע געלעגנהייט – און א דערפרייענדע רוף – פאר די הלוואה קערפערשאפטן, און עס דארף דינען אלץ א רייץ צו אריינברענגען גרינע הלוואות סטאנדארטן אין די ליסטע פון זייערע אקטיוויטעטן."

**Forsyth Street Advisors מענעדזשינג דירעקטאר, מייקעל פריעדמאן-שנאפ, האט געזאגט,** "NY Green Bank'ס קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע איז א טראנספארמאטיווע אינוועסטירונג מיטל צו קענען ברענגען ריינע ענערגיע צו ניו יארק סטעיט'ס היסטאריש-פארקוקטע קאמיוניטיס. די נויט פאר אינוועסטירונג געלטער אין ארימערע קאמיוניטיס ווערט צו אפט פארקוקט ביים מאכן פאליסיס. האבן א בויגזאמע מקור פון אינוועסטירונג געלטער וואס ארבעט דורך די קאמיוניטי-באזירטע הלוואה קערפערשאפטן וועלכע זענען גוט באקאנט מיט די באדערפענישן פון ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט איז גענוי וואס פעהלט יעצט אויס. די אייגנארטיגע כאראקטער און פארנעם פון די קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע העלפט אוועקשטעלן א סטאנדארט פאר אינוועסטירונגען פון 'גרינע בענק' אין שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די גאנצע לאנד."

**New York City Housing Partnership עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט און פרעזידענט פון HP Sustainability, אסתר טאפאראווסקי, האט געזאגט,** "די עפענונג פון NY Green Bank'ס קאמיוניטי דעקארבאנאציע קאסע ברענגט מיט זיך א וויכטיגע נייע מקור פון אינוועסטירונג געלטער פאר

קאמיוניטי-באזירטע און מיסיע-געטריבענע הלוואה קערפערשאפטן צו פארברייטערן זייערע הלוואה מעגליכקייטן צו קענען אריינרעכענען גרינע און ענווייראמענט-פריינטליכקייטן פראיעקטן. HPN און אירע קליענטן – אריינרעכענענדיג CDFI'ס, לאקאלע דעוועלאפּערס און קאמיוניטי-באזירטע נאנ-פראפיטס – וועלן אלע בענעפיטירן פון די געלטער וועלכע קומען אריין פון די נייע קאסע."

כאטש די נייע CDF שפיגלט אפ א פארבעסערטע צוגאנג צו פארברייטערן גרינע הלוואות אין DAC'ס, האט NY Green Bank'ס שוין אקטיווערהייט געשטיצט פראיעקטן אין היסטאריש-באזייטיגטע קאמיוניטיס דורכאויס איר היסטאריע. ביז דעצעמבער 31, 2022, האט NY Green Bank שוין צוגעזאגט איבער 216.5 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וועלכע קומען פאר אין DAC'ס, אריינרעכענענדיג סאלאר פאנעלן אויף דעכער פון אפּארדעבעל האוזינג און ריינע הייצונג און קילונג לייזונגען (ספעציפיש היץ פאמפס) אין קאמיוניטי איינריכטונגען און אין געבעט הייזער. מיט די יעצטיגע פארנעם פון NY Green Bank'ס שטיצע פאר DAC-פארבינדענע פראיעקטן, איז די באנק ערווארטעט צו מאכן פארשריט מיט די CDF'ס פארפליכטונג צו אינוועסטירן 100 מיליאן דאלאר צו אראפנעמען געביידעס פון קארבאן אין- און/אדער דינענדיג DAC'ס און 150 מיליאן דאלאר פאר גרינע אפּארדעבעל האוזינג ביז 2025.

די סטרוקטור, דעזיין און סערוויסעס צוגעשטעלט פון די CDF זענען פלאנירט געווארן נעמענדיג אין באטראכט ערשטיגע און אנגייענדע קאמענטארן וועלכע זענען צוריקגעהערט געווארן פון די פארשידענע פארמישטע פארטייען, אנגעהויבן אין דעצעמבער 2021, מיט איינלאדענונגען ארויסגעשיקט צו העכער 130 קערפערשאפטן, רעזולטירנדיג אין סיי פריוואטע באגעגענישן און 11 ווירטועלע זיצונגען פון קליינע גרופעס. די סעסיעס האבן געגעבן די געלעגנהייט פאר די פארמישטע פארטייען צו ארויסווייזן וואו די פינאנצירונג לעכער זענען און צו פארשטעלן פאטענציאלע לייזונגען וועלכע פארברייטערן די בענעפיטן פון ריינע-ענערגיע אינוועסטירונגען אין DAC'ס. א סיכום פון די קאמענטארן וועלכע זענען דערהערט געווארן דורכאויס די סעסיעס, אריינרעכענענדיג די רעקאמענדאציע אז די קאסע וואס איז היינט געעפנט געווארן זאל אויפגעשטעלט ווערן, געפונט זיך אין די 2021-22 אמענדירטע יערליכע פלאן וואס איז אריינגעגעבן געווארן צו די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס, און עס איז פארעפנטליכט אויף די NY Green Bank וועבזייטל. NY Green Bank נעמט אן נאך קאמענטארן אויף די אלגעמיינע סטרוקטור, פארמאט און אינהאלט פון די איינלאדענונג פאר פארשלאגן (request for proposals, RFP) אליין, און קאמענטארן קענען איבערגעלאזט ווערן דורך אימעיל צו [investmentRFPs@greenbank.ny.gov](mailto:investmentRFPs@greenbank.ny.gov), מיט " NY Green Bank: RFP 23 Feedback" אין די סאָבדזשעקט קעפל.

צוזאמענארבעט מיט פארמישטע פארטייען איז אנגעגאנגען דורכאויס די גאנצע אנטוויקלונג פראצעדור פון די CDF צו גיבן באריכטן און צוריקהערן קאמענטארן פון די באטייליגטע ארגאניזאציעס, אריינרעכענענדיג:

- פראפערטי דעוועלאפּערס, סערוויס פּראָווײַדערס, אייגנטימער און אפעראטארן;
- ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט שתדלנים;
- קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס; און
- קאמיוניטי אנטוויקלונג פינאנצירונג אינסטיטוציעס און אנדערע ספעציאליזירטע פינאנץ פירמעס מיט שטארקע איינגעשטעלטע קשרים צו אפּארדעבעל האוזינג און אנדערע DAC-פארבינדענע ריינע ענערגיע און ענווייראמענט-פריינטליכע אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

NY Green Bank וועט אפהאלטן א וועבינאר אום מאי 11, 2023, 10:00 אינדערפרי, צו מיטטיילן מער איינצלהייטן איבער די CDF, די פונקטליכע צוועק דערפון און ווער עס איז בארעכטיגט צו באקומען דערפון. ביטע רעגיסטרירט אייך [דא](). פאר מער איינצלהייטן באזוכט ביטע די NY Green Bank [וועבזייטל]().

אין סך הכל האט די NY Green Bank צוגעזאגט 1.9 ביליאן דאלאר אויסגעשפרייט איבער 120 טראנזאקציעס זינט זי איז אויפגעשטעלט געווארן אין 2013, און זי האט שוין אריינגעברענגט 5.6 ביליאן דאלאר אין אינוועסטירונג געלטער ביז דעצעמבער 31, 2022. פראיעקטן וועלכע ווערן געשטיצט דורך NY Green Bank אינוועסטירונגען זענען געשאצט צו ברענגען א יערליכע רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס פון ביז אזויפיל ווי 1,910,000 טאן, אזויפיל וואס וואלט אוועקגענומען געווארן דורכן אראפנעמען מער פון 415,000 קארן פון די גאס.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויינצסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.9 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער צו אוואנסירן ניו יארק'ס קלימאט ארבעט מיט באלד 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-סמארט קאמיוניטיס, באלד 500 ריינע ענערגיע קאמיוניטיס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט מאניטארינג פראווו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס איבער די סטעיט צו העלפן מיט לופט פארפעסטיגונג הילף און קעמפן קעגן קלימאט טוישן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן